NHS
North East London




# ווי אזוי צו באקומען הילף פאר אייער געזונט אין נורט‘ איסט לאנדאן



## וועגן דעם דיירעקטערי




אין דעם דיירעקטערי האבן מיר גענוצט
געוויסע ווערטער וואס נישט יעדער וועט
פארשטיין. די ווערטער זענען **בולט** און מיר
וועלן ערקלערן וואס זיי מיינען.




די נעשיאנעל העלט' סערוויס (NHS) געבט
פאר יעדער וואס וואוינט אין די UK
אומזיסטע העלט' סערוויסעס.



דאס רעכנט אריין יעדער איינער וואס קומט
פון א אנדערע לאנד צו וואוינען אין די UK.




די אינפארמאציע דא וועט דיר זאגן וואו דו
קענסט באקומען הילף אויב דו פיהלסט זיך
נישט געזונט.

# ווי אזוי צו נוצן NHS




צו זיך באנוצן בעסער מיט די NHS סערוויס דארפסטו זיך **רעגיסטרירן** מיט דיין לאקאלע דאקטער'ס סוירדזשערי.

**רעגיסטרירן מיינט, געבן אינפארמאציע איבער דיר אויף א פארם און ווערן צוגעלייגט צו א ליסטע.**




עס קאסט נישט זיך צו רעגיסטרירן און דארפסט נישט האבן אן אדרעס.



דו דארפסט נאר זיין רעגיסטרירט אויב דו ווילסט קענען זעהן א דאקטער (GP).




פאר מער הילף ווי אזוי זיך צו רעגיסטרירן, באזוכט:

www.nhs.uk/nhs-services/gps/how-to-register-with-a-gp-surgery/

# דער דאקטער׳ס סוירדזשורי



דיין דאקטער (GP) איז געווענליך דער ערשטער מענטש צו ווען זיך צו ווענדן אויב דו ביסט באזארגט איבער דיין געזונט אדער דאס געזונט פון דיין קינד.




דו קענסט באשטימען אן אפפוינטמענט אויף זייער וועבסייט, אויף די NHS עפפ. אויף דיין טעלעפאן, טאבלעט אדער זיי טעלעפאנירן. אפפוינטמענטס קענען געמאכט ווערן פערזענליך אדער אויפ׳ן טעלעפאן.




זיי קענען דיר געבן אפפוינטמענטס פאר די אווענט, דורכאויס די וויקענד (שבת אדער זונטאג) אדער אפילו אויף א בענק האלידעי.



אויב דו רעדסט נישט קיין ענגליש, ביסט טויב אדער עס איז דיר שווער צו פארשטיין, קענסטו האבן מיט דיר נאך איינעם ביי די אפפוינטמענט זאל דיר העלפן פארשטיין. דיין דאקטער׳ס סוירדזשורי קען עס פאר דיר ערלעדיגן.

# פארמעסי




פארמעסיסטס (אפטייקער) זענען מענטשן וועלכע גיבן דיר מעדעצין און עצות אויב דו אדער דיין קינד זענען נישט געזונט.



זיי קענען דיר העלפן מיט זארגן ארום דיין געזונט ווי למשל הוסטן, פארקילעכץ, בויך דרייעניש, ווייטאגן און קרעמפן.




אסאך פארמעסיס זענען אפן ביז שפעט און אין וויקענדס. דו דארפסט צו זיי נישט קיין אפפוינטמענט.




דו קענסט טרעפן דיין נאענטסטע פארמעסי דורכ'ן באזוכן:

[www.nhs.uk/service-search/pharmacy/find-a-pharmacy](www.nhs.uk/service-search/pharmacy/find-a-pharmacy)

# באזוכן א דאקטער ביינאכט און אין וויקענדס




מערסטנס GP זענען פארמאכט אין די
אווענטס און וויקענדס אבער דו אדער דיין
קינד קענען אלץ קריגן אן אפוינטמענט צו
זעהן א דאקטער אין די צייטן.



רוף אן דיין דאקטער'ס סוירדזשערי אדער
אויב איז עס פארשפארט, רוף די NHS 111
נומער צו באשטעלן אן אפוינטמענט.




אין בארקינג, דאגענהעם, העיווערינג און
רעדברידזש קענסטו אויך באקומען הילף
פאר קליינע וואונדן און קרענק ביי אונזערע
באלדיגע באהאנדלונג צענטערס ביי
'בארקינג קאמיוניטי האספיטאל' (Barking
Community Hospital) און 'הארלאד וואוד
פאליקליניק' (Harold Wood Polyclinic).




די פלעצער זענען אפן פון אכט אינדערפריה
ביז ניין אווענט, זיבן טעג א וואך. דו קענסט
רופן NHS 111 צו באשטעלן אן
אפוינטמענט אדער קענסט אריינגיין און
ווארטן געזעהן צו ווערן. דו דארפסט נישט
דערפאר זיין רעגיסטרירט מיט א GP.

## NHS 111




אויב דו אדער דיין קינד דארפן **דרינגענד** העלט׳ קעיר ראט קענסטו גיין צו www.111.nhs.uk אדער אנרופן 111.

**דרינגענד מיינט דו ברויכסט געזעהן ווערן שנעל.**




NHS 111 קען:

- דיר זאגן וואו דו קענסט באקומען הילף
- דיר העלפן אויסגעפינען מער אינפארמאציע
- דיר זאגן פון וואו דו קענסט באקומען מעדיצין
- דיר גיבן ראט
- דיר באשטעלן א דאקטער אדער אן עמערדזשענסי דענטיסט אפפוינטמענט
- ווען דיר מעגליך שיקן צו א וואק-אריין צענטער אדער האספיטל







דאס בעסטע איז צו באזוכן www.111.nhs.uk אדער רופן 111 איידער גיין אין האספיטל אויב דיין קרענק איז נישט **געפארפוהל**.

**געפארפוהל מיינט, אן הילף קענסטו שטארבן.**

# מענטל העלט׳

צו רעדן מיט איינעם וועגן דיין מענטל געזונט צושטאנד קענסטו אנרופן דיין דאקטער אדער באזוכן: [www.nhs.uk/talkingtherapies](http://www.nhs.uk/talkingtherapies)




אין א מענטל העלט׳ עמערדזשענסי, רוף איינס פון די נומערן:

בארקינג און דאגענהעם - 800 995 1000

סיטי און העקני - 800 073 0006

העיווערינג - 0800 995 1000

נוהעם - 0800 073 0066

רעדברידזש - 0800 995 1000

טאוער העמלעטס - 0800 073 0003

וואלטהעם פארעסט - 0800 995 1000



# 999 און האספיטל עמערדזשענסיס




דו זאלסט בלויז אנרופן 999 אדער גיין צום האספיטל אויב איינער איז ערנסט קראנק אדער פארוואונדעט און זייער לעבן קען זיין אין געפאר.






דו זאלסט שנעל אנרופן 999 אויב דו אדער איינער איז אונטער א הארץ-אטאקע אדער א סטראוק, אדער האט געליטן א ערנסטע עקסידענט.